אין אידיש
גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
שלח (כהעלותך בחו"ל) תשפ"ג / גליון מ"א

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:
אין מאנסי
347.452.3118
אין וויליאמסבורג
347.768.3577

צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118

וזכות הרבים יהא תלוי בכם!

אויף קול־דודי ליין
והכינו את אשר יביאו
וועכנטליכע שיעורים
אויף שבת און די פרשה
פון די משפיעים החשובים שליט"א
יעדן ליל שישי אין נומער 9

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א גאנצן טאג א שטיק כבוד שמים

## ווען דו שטייסט און קעשט אויף א טשעק און דו מאכסט זיכער אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט הלכות ריבית, ביסטו מקיים מיט דעם אזא מצוה פונקט ווי 'נטילת לולב'

פון קליינוויז אן האט מען אונז מחנך געווען, אז מיר זענען באשאפן געווארן בלויז אויף עבודת ה', די תכלית פון א איד איז בלויז צו זיין דבוק אינעם אויבערשטן, לערנען און דאווענען און טון מצוות און מעשים טובים. מען האט אונז ארייַנגעפרעגלט אין אלע ביינער, אז דער גוי עסט און פרעסט און גיבט זיך נאך אלע זיינע תאוות - און אזוי פירט ער דורך זיין גאנצן לעבן מיט תוהו ובהו, אבער א איד האט די זכיה צו לערנען תורה און צו דאווענען צום אויבערשטן, און אנפילן זיין לעבן מיט אן א שיעור רוחניות'דיגע קנינים.

וואס טוט זיך ביי נאכטמאל ווען מען זעצט זיך עסן? מיט וואס זענען מיר דארטן אנדערש ווי דעם גוי? מיר זענען דאך דעמאלט אויך עוסק אין גשמיות? ריכטיג, מיר מאכן א ברכה און דער גוי נישט, אבער וואס טוט זיך נאכן מאכן א ברכה? איז דאס אויך דער זעלבער תהו ובהו ווי דער גוי? פון דעם האט מען נישט צופיל גערעדט, ווייל צו יונגע קינדער קען מען נישט רעדן קיין טיפע בחינות פון חסיד'ישע ספרים. און אויך איז עס נישט אזויפיל נוגע, ווייל וואס האט דען א בחור צוטון? נאר לערנען און דאווענען!

נאכן דורכגיין אלע יארן פון חדר און ישיבה - וואו מען האט געהאט די זכיה צו אנפילן כמעט אלע שעות פונעם טאג מיט תורה אן עבודה - קומט מען ארויס מיט א געפיל, אז בשעת איך זיץ און עס נאכטמאל, בין איך נעבעך א רחמנות, ווייל דעמאלט בין איך נישט זוכה צו דינען דעם רבונו של עולם. איך דארף שנעל אפעסן און צוריק לויפן צו דער גמרא - וואס דארט ווארט מיר דער אויבערשטער! ער איז געבליבן אין בית המדרש, און ער האט מיר כאילו געזאגט: "גיי ערלעדיג דיר אליינס דיינע גשמיות'דיגע געברויכן, און נאכדעם קום דא צוריק צו מיר! בשעת'ן עסן האסטו נישט קיין שייכות מיט מיר, נאר ווען דו וועסט נאכאמאל לערנען תורה - וועסטו נאכאמאל האבן שייכות צו מיר!".

דער פראבלעם איז אבער, אז א אינגערמאן נאך דער חתונה - ווי מער ער גייט אריין אין לעבן - אלץ מער ווערט ער פארנומען מיט גשמיות'דיגע ענינים, מיט יעדעס קינד וואס ווערט געבוירן - קומט צו נאך שעות פון זיין פארנומען מיט פרנסה, מיט מסדר זיין שטוב זאכן, גיין פון גמ"ח צום באנק און פון באנק צום גמ"ח, און דאס לערנען און דאווענען ווערט אביסל אראפגעציפט. און דער אינגערמאן שפירט זיך: למה לי חיים? פארוואס לעב איך דא אויף דער וועלט? ווען דער אינגערמאן לייגט זיך אריין אין בעט נאך א לאנגן טאג וואס איז געווען אנגעפילט מיט גשמיות'דיגע דאגות און עסקים, טראכט ער צו זיך: וואס האט דער אויבערשטער פון מיין היינטיגן טאג? איך האב דאך רוב טאג נישט זוכה געווען צו לערנען און דאווענען?!

די דאזיגע געפילן פון 'התרחקות' טוישט גארנישט אינעם לעבן, ווייל דאס איז דאך דער לעבן און מען קען זיך בכלל נישט ארויסדרייען דערפון. און ווי נישט ווי, כאפט מען אריין וואס מען קען, מען דאווענט דריי מאל א טאג און מען מאכט ברכות הנהנין, מען טוט א חסד מיט א איד, מען לערנט שיעורי תורה, און מען כאפט אריין אסאך מצוות. אבער כאטש וואס מען טוט וואס מען קען, שפירט זיך דער אינגערמאן, אז ער איז נישט אינגאנצן א איד, א חלק טאג איז ער א איד און א חלק טאג איז ער סתם א מענטש... א חלק טאג איז דער אויבערשטער זייער צופרידן מיט אים, און א חלק טאג קרעכצט דער אויבערשטער און זאגט: "אוי, מיין קינד איז שוין ווייטער אוועקגעגאנגען פון מיר! ער האט שוין ווייטער פארמאכט די גמרא און געגאנגען איינקויפן נאכטמאל פאר זיין משפחה!".

> דער אינגערמאן שפירט זיך: למה לי חיים? פארוואס לעב איך דא אויף דער וועלט? וואס האט דער אויבערשטער פון מיין היינטיגן טאג?

## א געפיל פון מרגלים

דער סארט וועג פון אנקוקן דאס לעבן, איז נישט ניי. עס איז אן אלטער אויסגעדראשענער טעות וואס גייט שוין אן פאר דורי דורות. עס שטאמט נאך פון די מדבר צייטן, ווען די מרגלים האבן פארפירט כלל ישראל מיט אט דעם פאלשן בליק און מיט דעם פארדרייט דעם גאנצן פלאן פון אריינגיין קיין ארץ ישראל. ווי דער מאור עינים איז מסביר, אז די מרגלים האבן געהאלטן אז ווען מען טוט אין גשמיות - איז מען דעמאלט נישט קיין עובד ה', און דעריבער האבן זיי נישט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל, ווייל דארט וועט מען זיין פארנומען מיט אקערן און איינזייען, שניידן און דרעשן. זיי זענען געווען געהויבענע אידן וועלכע האבן זיך נישט געוואלט אפשיידן פונעם אויבערשטן קיין איין מינוט! און דעריבער האבן זיי ענדערש געוואלט בלייבן אין מדבר - ווא מען באקומט אלעס אויף א גאלדענעם טאץ, מן פון הימל, וואסער פונעם באר, ריינע קליידער פונעם וואלקן, און דער איד האט פאר זיך דעם גאנצן טאג צו לערנען און דאווענען און דורכדעם זיין דבוק אינעם אויבערשטן.

"**שֶׁהַמְרַגְּלִים כָּפְרוּ בְּתִקּוּן שֶׁל הַשְּׁבִירָה... שֶׁהִפְרִידוּ הָאֱלֹקוּת מִן הַבְּחִינוֹת שֶׁנָּפְלוּ בִּשְׁבִירָה, וְאָמְרוּ שֶׁהָרַע הוּא רַק רַע**". זיי האבן געהאט אמונה אינעם אויבערשטן, אבער זיי האבן געמיינט, אז דבקות אינעם אויבערשטן קען מען נישט האבן - נאר בשעת ווען מען איז עוסק אין תורה און מצוות. אבער אינ'אמת'ן, שטעקט אן אידעלע כפירה אין דער שיטה גופא, ווייל אין אנדערע ווערטער זאגט דער מענטש, אז עס זענען פארהאן זאכן וועלכע זענען אוועקגעפאלן פונעם אויבערשטן, און געווארן אינגאנצן אפגעריסן פון אים, אזוי ווייט, אז מען קען עס שוין מער נישט צוריק ברענגען צו אים!

אבער דאס איז א כפירה'דיגער טעות, ווייל א איד דארף גלייבן אז: "**בֶּאֱמֶת מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, לֵית אֲתַר פָּנוּי מִנֵּהּ, וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, וַאֲפִלּוּ בִּקְלִיפּוֹת, רַק שֶׁצְּרִיכִין אָנוּ יִשְׂרָאֵל לְבָרְרָם**". די אויפגאבע פון א איד, איז דוקא צו אויסרייסן די דאזיגע דעה! א איד דארף 'מברר' זיין דעם 'טוב' פונעם 'רע'! דאס הייסט, ער דארף דינען דעם אויבערשטן דוקא מיט גשמיות'דיגע ענינים! ווייל "**הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא הָאָדוֹן שַׁלִּיט בַּכֹּל, וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִנֵּהּ, וְיִרְאֶה עַל יְדֵי זֶה לְהַגְבִּיהַּ כָּל הַנְּפוּלִין - לְמַעְלָה**".

## דו ביסט א שטיק תורה

איי, וועסטו פרעגן: פארוואס טאקע זענען די מרגלים נישט גערעכט? מען קען דאך נישט לייקענען א געפיל? קען מען דען פארגלייכן א געפיל פון לערנען און דאווענען צו א געפיל פון זיצן און עסן נאכטמאל? ווי קען מען דען זאגן אז אין באנק דין איך אויך דעם אויבערשטן פונקט ווי איך דין אים אין בית המדרש? דארט שטיי איך דארט מיט טלית און תפילין, און דא שטיי איך און רעד צו א גשמיות'דיגן מענעדזשער?!

אבער נאכדעם וואס מען ווייסט דעם יסוד וואס דער מאור עינים זאגט דא און אין אנדערע פלעצער, אז ווען א מענטש פירט זיין גשמיות'דיגן לעבן על פי תורה, ווערט זיין גאנצע לעבן א שטיק תורה! זיינע גשמיות'דיגע פעולות באהעפטן אים צום אויבערשטן! ווי דער לשון פונעם מאור עינים אין 'ישמח לב' (שבת, ד"ה נשאת): "**עֵסֶק מַשָּׂא וּמַתָּן הוּא גַּם כֵּן עֲבוֹדָה וְתוֹרָה, כִּי כַּמָּה דִּינִים יֵשׁ עַל זֶה**". קומט אויס, אז ווען דו שטייסט און קעשט אויף א טשעק און דו מאכסט זיכער אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט הלכות ריבית, ביסטו מקיים

המשך אין עמוד ב

דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# ברכות התורה

## פארוואס שפילט 'ברכות התורה' אזא וויכטיגע ראלע? • וואס איז דער ציל פון תורה און מצוות? • פארוואס ברענגט זיך דאס ארויס דווקא ביי די ברכה?

**משפיע:** א גוטן אברהם יצחק! איך מיין אז די וואך וועלן מיר רעדן וועגן 'ברכות התורה'.

**אברהם יצחק:** 'ברכות התורה'? יעדן צופרי זאג איך די ברכות, ס'איז טייל פון 'ברכות השחר', וואס איז שוין דא ארומצורעדן דערוועגן?

**משפיע:** פונקט דאס האב איך געוואלט אויסשמועסן. 'ברכות התורה' איז נישט נאר א 'חלק' פון ברכות השחר, נאר ס'איז א מערכה פאר זיך. אייגנטליך איז עס אסאך א גרעסערע און הארבערע חיוב ווי ברכות השחר. און בכלל: ס'איז א ברכה וואס א גרויסער טייל פון אונזער אידישקייט ליגט דערין!

**אברהם יצחק:** אוהו, 'אונזער אידישקייט'? וואס קען שוין זיין?

> ווען א מענטש לערנט מיט די ריכטיגע כוונה, ווערט זיין הארץ אנגעפילט מיט שמחה און ליבע צום אויבערשטן אויף די וואונדערליכע זכיה וואס מיר האבן ממשיך צו זיין דער אויבערשטער אין די וועלט און ווערן א מרכבה צו אים!

**משפיע:** זיכער קענסטו די גמרא אין נדרים (פא.): צוליב דאס מזלזל זיין איז אט די ברכה איז דער בית המקדש חרוב געווארן און מיר זענען געגאנגען אין גלות. דער פסוק זאגט (ירמיה ט, יא): "על מה אבדה הארץ... ויאמר ה' על עזבם את תורתי". חז"ל זענען דארט מאריך, אז די שאלה - פארוואס ארץ ישראל איז פארלוירן געווארן - האט געפלאגט די נביאים און די חכמים, ביז דער אויבערשטער אליינס האט זיי געדארפט אנטפלעקן, אז די סיבה איז "שלא בירכו בתורה תחילה" (בבא מציעא פה:). וואס קען דען זיין ערגער ווי דעם חורבן בית המקדש?

**אברהם יצחק:** וואס איז טאקע פשט? וויאזוי קען זיין, אז אזא - פון אויבנאויף - מינדערוויכטיגע עבירה, האט געקענט אנברענגען אזא גרויסע חורבן? אין אמת'ן: פארוואס האבן זיי טאקע נישט געבענטשט די ברכה, ווי שווער איז שוין צו זאגן די פאר ווערטער?

**משפיע:** פרעגסט זייער גוט. די ראשונים און אחרונים פרעגן שוין די קושיות. אבער די אלע קושיות פאלן אוועק נאכן ארויסהאבן דאס קלארע בילד וואס ברכות התורה מיינט, און די צוגאנג וואס מען דארף האבן ביים לערנען תורה.

**אברהם יצחק:** האסט אנגעהויבן רעדן וועגן ברכות התורה. וויאזוי ביסטו פלוצלונג אנגעקומען צו 'די צוגאנג צו תורה'?

**משפיע:** יעדער וואס לערנט די גמרא, פארשטייט אליינס אז דער טעמע דא איז נישט נאר וועגן דאס עצם נישט זאגן די ווערטער פון ברכות התורה - אזויווי דו שטעלסט עס פאר - נאר זייער נישט זאגן די ברכה האט אנגעדייטעט אויף א געוויסע זלזול און גרינגשעצונג וואס זיי האבן געהאט צו די תורה.

**אברהם יצחק:** וואספארא 'זלזול'? און וויאזוי זעט מען דאס אין זייער נישט בענטשן ברכות התורה?

### תורה כדי זיך צו מדבק זיין

**משפיע:** זאלסטו וויסן, ביי חסידים האט מען אסאך גע'חזר'ט די ווערטער פונעם הייליגן ב"ח איבער די נושא. ס'וואלט געווען גוט דו זאלסט עפענען א טור אורח חיים סימן מז, הלכות ברכות התורה און קוק אריין אין ב"ח צו זען זיינע הייליגע ווערטער. ס'איז כדאי איבערצוקייען זיינע ווערטער איינמאל און נאכאמאל ביז ס'ווערט איינגעזאפט אין הארץ, אזויווי אמאליגע חסידים פלעגן טון.

לאמיר נאר איבערזאגן די תמצית פון זיינע ווערטער:

"**דְּכַוָּנָתוֹ יִתְבָּרֵךְ מֵעוֹלָם הָיְתָה: שֶׁנִּהְיֶה עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה כְּדֵי שֶׁתִּתְעַצֵּם נִשְׁמָתֵנוּ בְּעַצְמוּת וְרוּחָנִיּוּת וּקְדֻשַּׁת מְקוֹר מוֹצָא הַתּוֹרָה**". דאס מיינט, לימוד התורה האט א מטרה, וואס איז די מטרה? "שתתעצם נשמתנו בקדושת מקור מוצא התורה", אין פשוט'ע ווערטער: אז מיר זאלן זיך באהעפטן צום אויבערשטן וועלכער איז דער מקור פון יעדע אייגענעווארט אין די תורה, און דורך דאס לערנען זאל נמשך ווערן אויף אונז קדושת ה'.

ווייטער ערקלערט ער אז ווען מ'לערנט מיט אזא כוונה און צוגאנג, ווערט יעדער איינציגער איד א 'מרכבה' פונעם אויבערשטנ'ס קדושה, און אזא סארט לערנען ברענגט השראת השכינה אויף די וועלט.

**אברהם יצחק:** פון אזויפיל הייליגע און געהויבענע ווערטער - בין איך צעטומלט געווארן... וואס מיינט זיין א "מרכבה לקדושתו יתברך"?

**משפיע:** ביי אן אנדערע געלעגנהייט זאלסטו מיר דערמאנען דיר צו מסביר זיין דעם ענין באריכות, אבער יעצט לאמיר עס דיר ערקלערן אין קורצן לויט וויפיל ס'איז אונז נוגע: א מענטש האט אסאך משיכות, אסאך מחשבות און געדאנקען, אסאך זאכן וואס ער קען טון אא"וו. א מענטשנ'ס נאטור טרייבט אים צו נוצן די אלע אייגנשאפטן און מעגליכקייטן בלויז פאר זיינע **אייגענע** צוועקן און הנאות. דאגעגן א 'מרכבה' מיינט א חפץ וועמענ'ס ציל איז צו **באדינען דער וואס רייט דערויף**. דאס הייסט, ער איז נישט ווי גלייך איינער וואס טוט עפעס פאר א צווייטן, נאר זיין גאנצע מהות איז בטל צום רייטער, און ווי נאר א 'מרכבה', א רייטוואגן ווערט צושטאנד - איז שוין דא אן ארט וואו דער רייטער קען זיך ארויפזעצן און פארן. ווען א מענטש שטעלט צו זיין הארץ אז זיינע אלע רצונות און מחשבות זאלן זיין געאייגנט בלויז כדי גרויס צו מאכן און דערהייבן דעם אויבערשטנ'ס כבוד, אן קיין אייגענע מטרות - דעמאלטס איז ער א 'מרכבה', ער איז איינגעשפאנט און אנגעגרייט צו השראת השכינה.

יעצט וועסטו פארשטיין אז אייגנטליך האט די גאנצע בריאה איין איינציגע ציל: צו זיין א 'מרכבה' פארן אויבערשטנ'ס כבוד, ווייל דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט בלויז פאר דעם צוועק, אזויווי עס שטייט אין ישעי' (מג, ז): "כל הנברא בשמי, לכבודי בראתיו, יצרתיו אף עשיתיו"!. כלל ישראל'ס גאנצע און איינציגסטע ציל איז טאקע נאר דאס: זיך מקדש זיין צו זיין א 'מרכבה' פארן אויבערשטן, וואס דורך זיי וועט זיין השראת השכינה אויף די גאנצע וועלט. און דערפאר, אויב איז זייער הארץ אפגעפרעמדט פון אט די מטרה - גייט אוועק די שכינה און ס'איז גרויסע צרות... אבדה הארץ...

**אברהם יצחק:** וואס האט דאס מיט לימוד התורה?

**משפיע:** אויף דעם טוט דער ב"ח פארזעצן:

"**וְלָכֵן נָתַן הקב"ה תּוֹרַת אֱמֶת לְיִשְׂרָאֵל בְּמַתָּנָה שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח מֵאִתָּנוּ, כְּדֵי שֶׁתִּתְדַּבֵּק נִשְׁמָתֵנוּ וְגוּפֵינוּ בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִין בְּרַמַ"ח מִצְוֹות עֲשֵׂה וּשְׁסָ"ה לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁבַּתּוֹרָה, וְאִם הָיוּ עוֹסְקִים בְּתוֹרָה עַל הַכַּוָּנָה הַזֹּאת - הָיוּ הֵמָּה מֶרְכָּבָה וְהֵיכָל לִשְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, שֶׁהָיְתָה הַשְּׁכִינָה מַמָּשׁ בְּקִרְבָּם, כִּי הֵיכָל**

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

מיט דעם אזא מצוה פונקט ווי 'נטילת לולב', און דו ווערסט ממש דבוק צום אויבערשטן. "**כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בָּעוֹלָם, הַכֹּל לֹא בְרָאוֹ אֶלָּא לִכְבוֹדוֹ, כִּי כָּל דָּבָר קָטָן וְגָדוֹל אֵינוֹ מִתְנַהֵג כִּי אִם עַל פִּי הַתּוֹרָה... וְאִם כֵּן כְּשֶׁמִּתְנַהֵג כֵּן, אֲזַי הוּא עוֹסֵק בַּתּוֹרָה תָּמִיד, אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁעוֹסֵק בִּסְחוֹרָה**".

נאר וואס דען? עס שפירט זיך נישט פון זיך אליינס! עס איז אן עבודה! א איד דארף 'לעבן' מיט דעם! א איד דארף צולייגן קאפ און הארץ דערצו! יעדעס מאל וואס ער עסט, זאל ער טראכטן: איך עס ווי א איד און איך דין דעם אויבערשטן! איך וואש זיך, איך מאך א ברכה, איך טינק איין אין זאלץ, איך בענטש, און מיין גאנצע סעודה איז א שטיק עבודת ה'! יעדעס מאל ער לייגט זיך שלאפן, זאל ער טראכטן: איך גרייט אן נעגל וואסער, איךליין קריאת שמע און לייג זיך שלאפן אויף דער זייט, און מיין גאנצע שלאפן איז א שטיק כבוד שמים! יעדעס מאל ער טוט אין פרנסה אדער גייט איינקויפן, זאל ער טראכטן: איך האנדל מיט ערליכקייט, און מיין גאנצע ביזנעס איז א שטיק עבודת ה'! און אזוי קען א מענטש אמת'דיג זיין דבוק אינעם אויבערשטן פיר און צוואנציג שעה אין טאג.

**הפצת הגליון השבוע בעי"ת מאנסי**
נתנדב ע"י ידידנו היקר הרה"ח ר' **יעקב יצחק מאשקאוויטש** שליט"א
**לרגל נישואי בנו הי"ו**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

**הדפסת הגליון השבוע**
נתנדב ע"י ידידנו היקר הרה"ח ר' **חנוך שלום האך** שליט"א
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

**הוצאות העריכה לזכות ולרפואת**
**יקותיאל זלמן יום טוב ליפא בן ליבא**
לרפואה שלימה ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע
**נא להתפלל לרפואתו השלימה**

**ה׳ הֵמָּה, וּבְקִרְבָּם מַמָּשׁ הָיְתָה הַשְּׁכִינָה קוֹבַעַת דִּירָתָהּ וְהָאָרֶץ כֻּלָּהּ הָיְתָה מְאִירָה מִכְּבוֹדוֹ, וּבְזֶה יִהְיֶה קָשׁוּר לְפַמַּלְיָא שֶׁל מַעְלָה עִם פַּמַּלְיָא שֶׁל מַטָּה וְהָיָה הַמִּשְׁכָּן אֶחָד!״**. ד. מ. דווקא מיט לימוד התורה און היטן די תורה און מצוות אזויווי עס דארף צו זיין, דווקא דורכדעם זענען מיר זיך מדבק צום אויבערשטן. אין אנדערע ווערטער: די גאנצע השראת השכינה און דביקות ה׳ ווענדט זיך אין אונזער תורה און מצוות.

נאר וואס? אלץ ווענדט זיך אין די ריכטיגע צורה און צוגאנג ׳וויאזוי׳ מ׳לערנט תורה, אזויווי ער זאגט: **״אִם הָיוּ עוֹסְקִים בְּתוֹרָה עַל הַכַּוָּנָה הַזֹּאת״**, דאס מיינט אז בשעת׳ן לערנען זאלן מיר אינזין האבן צו באהעפטן אונזער נשמה צום אויבערשטן. אויב האט מען נישט די סארט כוונה פון דביקות, דעמאלטס פארלירן מיר דער גאנצער תכלית פון די תורה און אייגנטליך - דער גאנצער תכלית הבריאה.

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי אויב אזוי אז ביי יענעם דור האט מען נישט געלערנט תורה כדי זיך צו מדבק זיין צום שכינה, אבער וויאזוי געבט זיך דאס ארויס מיטן נישט בענטשן ברכות התורה?

**משפיע:** ווען א מענטש לערנט מיט די ריכטיגע כוונה, זיין בליק אויף די תורה איז אז ס׳איז די מקור פון קדושה אויף די וועלט, ס׳איז די צינור און מקשר צווישן די בריאה מיטן אויבערשטן, דעמאלטס ווערט זיין הארץ אנגעפילט מיט שמחה און לויב צום אויבערשטן אויף די וואונדערליכע מתנה: די זכיה וואס מיר האבן ממשיך צו זיין דער אויבערשטער אין די וועלט און ווערן א מרכבה צו אים! ביי ׳ברכות התורה׳ מיטן ריכטיגן מחשבה און צוגאנג, טוט א מענטש ארויסברענגען ביי אים אין נפש די מורא׳דיגע שמחה און זכיה וואס ער האט מיטן לערנען תורה. דאס איז א געפיל אזויווי איינער וואס האט ערהאלטן רשות אנצוכאפן דאס קרוין פונעם קעניג און עס ארויפזעצן אויפן קעניג׳ס קאפ - אזא איינער ווערט פיל מיט פרייד אויף אזא געלעגנהייט.

## די ברכה ברענגט צום ציל

נאך מער פון דעם: ווען א מענטש שטייט אויף צופרי און ער טרעפט זיינע שיך ליגן נעבן זיין בעט, פארשטייסטו אליינס אז ער וועט צוגיין דערצו און זיי אנטון אן קיין שום איבריגע אויפמארקזאמקייט, וויבאלד אויב האב איך נעכטן נאכט אוועקגעלייגט מיינע שיך אויף דעם ארט, איז צום ערווארטן אז איך וועל זיי טרעפן אויפצומארגנס אויפן זעלבן ארט. אנדערש איז אבער אויב צופרי געפינט ער אן אוצר נעבן זיין בעט... ער וועט נישט צוגיין דערצו מיטן גאנצן נאטירליכקייט און עס נעמען ווי גלייך ס׳איז א געוועגליכע ערשיינוג - וויבאלד ס׳איז נישט! ס׳איז סיי נישט גאנגבאר און סיי א מציאה וואס גייט טוישן זיין לעבן. זיין הארץ ווערט אנגעפילט מיט פריידט און זיין מויל הערט נישט אויף צו דאנקען דערויף יומם ולילה. אין אנדערע ווערטער: אויב מאכט א מענטש די ברכה אויף די תורה שנעל אן אריינצוטראכטן דערין, ווי גלייך ס׳קומט פון זיך אליינס, דאס באדייט אז ער האט נישט ריכטיג ארויסגעהאט די מהות פון תורה, און וואספארא מורא׳דיגע זאכן ער טוט אויף מיט זיין לערנען.

אבער די נקודה איז אסאך טיפער פון דעם: נישט נאר וואס די ברכה ברענגט ארויס דעם מענטשנ׳ס כוונה ביים לערנען, נאר עס באשטימט און טוט צופירן די תורה צו איר מטרה. ווייל אויב וועט דער מענטש גלייך צוטרעטן צום לימוד התורה, וועט ער קיינמאל נישט אנקומען צום ציל. אויף דעם דארף ער צוערשט ׳בענטשן׳ דערויף, דערמיט ברענגט ער ארויס מיט זיין הארץ און ליפן אז זיין ווילן מיטן לערנען איז, זיך צו באהעפטן דערצו. און נאר דערנאך, ווען ער גייט צו צום לערנען - וועט ער קענען אנקומען צום דביקות. הייסט אז די ברכה איז בעצם די מיטל מיט וואס מען גרייט זיך צו כדי אנצוקומען צום ציל, וויבאלד נאר נאכן צוגרייטן א ציל - קען מען אנקומען דערצו. די מינוט זיי האבן נישט געבענטשט ברכות התורה אזויווי עס דארף צו זיין - ממילא זענען זיי קיינמאל נישט אנגעקומען צום תכלית.

דערפאר איז די ברכה אנדערש פון אנדערע. ביי אנדערע ברכות איז דאס זאגן דער עיקר, וויבאלד דער תכלית איז די מצוה אדער דאס עסן, נאר בעפאר דארף מען בעטן רשות פונעם אויבערשטן דערויף. אבער דא איז די ברכה נישט א ׳רשות׳ - נאר ברכות התורה איז קובע די מטרה פונעם לערנען, און לויט וויפיל מען איז קובע בשעת די ברכה, אזוי שטארק ווערט די חיבור בשעת׳ן לערנען.

**אברהם יצחק:** און וואס האט דאס מיט דעם וואס כ׳האב געהערט אז די ברכה איז מסוגל פאר הצלחה אין לערנען?

**משפיע:** דאס איז די נקודה פון וואס מיר האבן גערעדט! ווען א מענטש בענטשט אויף די תורה ווי עס פאסט, ער ברענגט ארויס אין הארץ די ריכטיגע צורה וויאזוי לערנען דארף אויסזען, דאס איז ממשיך אויף אים א קדושה, און פון יענער קדושה שטאמט די הצלחה אויף וואס מיר קוקן אויס. דערפאר האבן אסאך גדולי ישראל מעיד געווען, אז זייער הצלחה אין תורה ווענדט זיך אין זייער זאגן ברכות התורה.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש״ט ז״ע

**רוב פריערדיגע צדיקים האבן זוכה געווען צו זייערע גרויסע מדריגות, צוליב די שטארקע ׳אהבת ישראל׳ וואס זיי האבן געהאט**

כ״ק רבינו הזקן זי״ע (׳שומר אמונים׳ מבוא השער פי״ד)

# פון וואס ציטערן די מלאכים?

״רשעים! זינדיגער!״, שרייט דער מגיד מיט קולי קולות ארויפזעצנדיג זיין פויסט אויפן שטענדער, ״איר זענט אזויפיל געפאלן, אזש איר קענט שוין מער נישט פאלן! איר האט נישט קיין חלק אין עולם הבא...!״.

א וואלקן פון טרויער לאזט זיך אראפ אויפן אנגעפילטן בית המדרש אין אליק. דער זיסער שבת נאכמיטאג פון די דארטיגע אידן, איז פארוואנדלט געווארן אויף תשעה באב. זיי זענען אהערגעקומען לעכצנדיג צו הערן א אידיש ווארט פונעם מגיד, וועמענ׳ס שטייגער איז ארומצורייזן די דערפער און אפהאלטן דרשות פאר זיין פרנסה. דערווייל זיצן זיי דא מיט צעקלאפטע געמיטער, הערנדיג ווי שלעכט זיי זענען, וויפיל זיי האבן זיך פארזינדיגט, און ווי האפענונגסלאז זייער צושטאנד איז.

יעדער איז צעבראכן. איינער הייבט אן וויינען הילפלאז. אן אנדערער פארקוקט זיך אויפן דאך מיט יאוש. די באטייליגער האפן און ווארטן צו דעם ״במהרה בימינו אמן...״. וואס וועט זיי ענדליך אויסלייזן פון דעם האגל פון שאנד און שטראף רייד. איינציגע כאפן זיך ארויס פון בית המדרש און מאכן זייער וועג צום הויז פונעם פרנס החודש.

וואס זוכן זיי ביים פרנס החודש?

א גרויסער גאסט פראוועט דעם שבת ביים פרנס. דער אור שבעת הימים, מרן הבעש״ט הק׳ זי״ע זיצט ביים טיש און ווארט אויפן בעל אכסניא׳ס אהיימקומען כדי אנצוהייבן א געהויבענע שלוש סעודות מיט די איינוואוינער פון שטאט.

״פון וואס רעדט מען אין בית המדרש?״, פרעגט דער קדוש ישראל.

״ס׳איז נישט פשוט...״, קומט די אנטמוטיגנדע אנטווארט, ״דער מגיד האגלט חירופים און גידופים אויף די צוהערער... אייגנטליך איז דאס זיין פרנסה: רעדן גנאי אויף אידן״.

דער צדיק׳ס אויגן ווערן פול מיט טרערן. זאפארט שיקט ער רופן דעם בעל אכסניא פון בית המדרש. מילא ווען דער עולם פארזוימט זיך אין בית המדרש כדי צו הערן א דבר מוסר אדער א גוט ווארט - וואס קען דען זיין בעסער. אבער אויפצוהאלטן דעם אור פון שלוש סעודות ביים צדיק הדור בלויז צו הערן ווי געפערליך כלל ישראל שטייט - פאר דעם נישט! זאל דער פרנס אהערקומען און מ׳וואשט זיך שוין צום סעודה.

ווי נאר דער בעל אכסניא הערט ער דעם פארלאנג, הייבט ער זיך גלייך אויף צופרידענערהייט און שפרייזט ארויס פון בית המדרש - אבער נישט אן דעם וואס ער רוימט אריין פאר עטליכע ארומיגע, אז ״דער בעש״ט איז ברוגז אויפן מגיד...״.

עס גייט פון מויל צו אויער. דער צדיק האלט נישט פונעם מגיד. נו, דעמאלטס פארוואס זיצן מיר נאך דא? - מאכט יעדער דער חשבון.

קיין גאנצע פינף מינוט גייט נישט פארביי. דער מגיד האלט נאך אינמיטן אריינשמייסן די ׳בעלי עבירה און חוטאים׳, ווען אויפאמאל טרעפט ער זיך שטיין אין א שול ליידיג סיי פון בעלי עבירה, און סיי פון טייערע אידישע קינדער...

״פארוואס האט איר מיר דאס געטון?״, פרעגט אויפצומארגנס דער מגיד ביים בעש״ט מיט ביטערע טענות.

ווידעראמאל קוועלן אויף דעם בעש״ט׳ס אויגן מיט טרערן. א חרדת אלקים נעמט יעדן ארום. דער בעש״ט שטעלט זיך אויף גענצליך צושטורעמט, און ער זאגט:

״דו רעדסט אויף אידישע קינדער?! דו רעדסט אויף אידישע קינדער?! דו ווייסט ווי טייער און הייליג אן אידיש קינד איז, אפילו דער פשוט׳סטער איד?״.

אין זכות פון יענער מגיד, האבן מיר זוכה געווען צו אט דעם גילוי פונעם בעש״ט איבער קדושת נשמת ישראל:

״דו ווייסט פון וואס מלאכים און שרפים ציטערן? און וועל דיר זאגן!״.

״ווען א איד גייט אין מארק. ער טוט אין גשמיות במשך דעם גאנצן טאג זייענדיג פארנומען מיט האנדל און וואנדל, ווען פלוצלונג רוקט זיך אונטער דער זון ווייזנדיג אויף שקיעה. דער איד ווערט צעטרייסלט און לאזט ארויס א קרעכטץ: ״אוי וויי! ס׳איז צייט צו מנחה!״, דער איד איז א העכסט פשוט׳ער איד, ער ווייסט אפילו נישט וואס ער האט געזאגט. אבער זיין יראת שמים איז נאטירליך אריינגעבאקן אין אים, און ערלויבט אים נישט צו פארפאסן א מנחה. ער גייט אין א זייט און דאוונט מנחה - פון דעם ציטערן מלאכים און שרפים!״.

(מקור: שבתי הבעש״ט)

# לערנען חסידות פון ספרים?!

## פארוואס לערנען חסידות פון ספרים? ווען מען קען אלעס לערנען און וויסן פון קונטרסים און גליונות?

### שאלה:

אלס חסיד'ישער איד וויל איך לערנען און קענען חסיד'ישע ספרים און רעיונות. און ווי מען הערט און מען ווייסט איז עס ממש א הכרח. היינט מיט אזא שפע פון גוטע גליונות און קונטרסים פון היינטיגע מלקטים און שרייבער (ארייגערעכנט יחידתי...) - וועלכע זענען מבאר יסודות החסידות און געדאנקען על סדר הפרשה אדער ענינים, אין א לייכטע שפראך שווה לכל נפש, - איז עס גאר גרינג און געשמאק אזוי אז ס'ציהט מיר בכלל נישט צו לערנען די הייליגע ספרים פון אינעווייניג, וואס נישט אלעמאל פארשטיי איך פונקט וואס זיי זאגן און וואס עס קומט ארויס פונעם דרוש פאר מיר. און מצד שני, לבי נוקפי, למעשה גייט אדורך ימים ושנים וואס איך עפן נישט קיין חסיד'ישער ספר. איז דא א חסרון דערין אדער נישט?

### תשובה:

אין אמת'ן, קען מען די זעלבע שאלה אויסשמועסן אויך לגבי אנדערע לימודים, ווי אויף לימוד גמרא און שולחן ערוך. פארוואס דארפן צענדליגער טויזנטער יושבי אהל, בעלי בתים, בחורים און תשב"ר, זיך פלאגן אויף די קליינע אותיות פון גמרא, שולחן ערוך מיט די נושאי כלים - אויב מיר קענען האבן א שפע פון גליונות און אן אויסוואל פון ספרי קיצורים וואס נעמען צוזאם אלע נויטיגע הלכות מיט א קלארע און זאפטיגע שפראך, מיט בילדער און טבלאות?! און אפשר זאל מען לערנען גמרא אין קאמיקס!? אבער דער שואל ווי יעדער בר דעת פארשטייט, אז מיטן גאנצן כבוד פאר די משפיעים און מחברים פון די אלע גליונות און רעיונות, און אפילו זייער נחיצות איז זייער קלאר פאר יעדן, איז דאס עפעס נישט די ריכטיגע וועג פון אפלערנען געזונט א שטיקל גמרא אדער הלכה. און דאס זעלבע איז לגבי לימוד המוסר והחסידות.

## לאמיר אויסשמועסן די געוואלדיגע חילוק

צווישן דיבורי הצדיקים זי"ע אין זייער ארגינעלן פארמאט, צו די קונטרסים, מלוקט און באשריבן דורך היינטיגע מלקטים: **ווערטער פון א צדיק איז 'שכל אלקי'**, און ווערטער פון די בעסטע משפיעים קען טאקע זיין בנוי ומיוסד אויף דברי הצדיקים אבער ס'איז פארט נתבשל געווארן אין א קאפ פון **'שכל אנושי'**. און דער חילוק צווישן ג-טליכער שכל און מענטשליכע, איז אומשאצבאר ריזיג... סיי מצד די סגולה דערפון, און אויך מצד הבנה.

**מצד די סגולה דערפון:** די צדיקים זענען געווען בטל צום אויבערשטן, זייער גאנצע מציאות איז געווען דביקות אין השי"ת, אן קיין אייגענע חשבונות, און ממילא יעדעס ווארט וואס זיי האבן ארויסגעזאגט פון מויל איז געווען א וועג ווי אזוי השי"ת רעדט צו די שומעים ולומדים, מגלה צו זיין, זיין אור, דורך דעם צדיק'ס צינור, בבחינת "שכינה מדברת מתוך גרונו". וואס דאס איז בוודאי משפיע אויפן לומד באופן סגולה, אויף אסאך אסאך א העכערע און בעסערע אופן ווי ווען ער לערנט נישט מער ווי א 'שכל', א געדאנק, באופן ווי אזוי א וואוילער איד האט עס פארשטאנען און איבערגעגעבן. און אפילו ווען דער ענין זאל זיך רעדן פון טיפע און הויכע זאכן, ווי דביקות בהשי"ת, איז עס פארט נישט מער ווי שכל אנושי, וועלכער איז אריינגעמישט דערין ישות און הסתרות אויפן גילוי אור השי"ת. **און אין אנדערע ווערטער**, ביים לערנען די ארגינעלע הייליגע ווערטער פון צדיקים, שיינט עס אריין אין די נשמה, נישט נאר מצד די געדאנק וואס מען לערנט. נאר אסאך מער, מצד די גילוי אלקות.

**און מצד בעסער פארשטיין:** אויך אלס עצם פארשטיין יסודות החסידות, איז די אמת'ע וועג ווי אזוי עס צו פארשטיין און קונה זיין, נאר דורך עס לערנען פון אינעווייניג אויף די וועג ווי אזוי די צדיקים האבן עס געזאגט און פארשריבן. ווייל לויט ווי מיר שמועסן אז די דברי תורה פון צדיקים איז שכל אלקי, איז עס דאך אויך ברייטער און טיפער ווי געדאנקען פון פשוט'ערע מענטשן. און פונקט ווי אלע דברי תורה בנגלה ובנסתר, איז טיף און ברייט אין חקר, אזוי אויך די רייד פון צדיקים הקדושים בעלי רוח הקודש זי"ע. אויך אויף זייערע ווערטער איז געזאגט געווארן "כפטיש יפוצץ סלע", אז יעדער זאך פארטייטשט זיך פאר פארשידנארטיגע נפשות, אויף אסאך ענינים, און אויף אלע מצבים. און מרן הבעש"ט הקדוש זי"ע האט דאך אויך אויף דעם געזאגט (דגל מחנה אפרים' כי תשא) אז די סימן אויב חידושי תורה זענען לשמה - און ספרי תלמידי בעש"ט הק' זענען דאך זיכער אויך אין דעם כלל - איז, אויב דער חידוש איז פרה ורבה, ווי א לעבעדיגע זאך. קומט אויס אז מצד געטליכע שכל זענען די רייד פון צדיקים אסאך מער ווי שכל'דיגע געדאנקען, סיי אין קוואליטעט און סיי אין טיפקייט,
עד אין חקר.

חז"ל זאגן (עירובין נד:) אויף תורה אין אלגעמיין, "כל זמן שאתה ממשמש בהם אתה מוצא בהם טעם". וויפיל דו וועסט זיך פארטיפן, און 'גראבן' וועסטו געפונען נאך און נאך. און דאס איז עפעס וואס מ'קען זעהן בחוש, ווען מ'לערנט א חסיד'ישן ספר, וואס מער מ'פארטיפט זיך, מ'קאכט זיך, טרעפט מען פרישע חיות. און ווי דער רמח"ל זאגט פשט אין פסוק "הלא דברי כאש" אז די תורה איז ווי א פייער באהאלטן אין א ברענעדיגע קויל, פונדרויסן זעהט זיך קוים אן אז דא איז עפעס דא, אבער ווי מער מ'מישט און מ'בלאזט ווערט עס יעדעס מאל פריש אויפגעפלאקערט.

> ער איז מגלה טיפערע כוחות הנפש, ער באקומט א ליבשאפט צום געדאנק, ער געדענקט עס מער, ער איז באהאפטן דערצו

דאגעגן, ווען מ'לערנט חסידות אין קונטרסים און גליונות פון די חשוב'ע משפיעים פון אונזער דור, דאן מיטן גאנצן כבוד און חשיבות צו זיי, לערנט מען נאר די ווערטער וואס מען לערנט, די ווערטער האבן נישט גענוג נשמה אין זיך, ס'זאל נאך קענען מוסיף זיין התרחבות ההשגות מיט התחדשות, ווייל ווי נישט, איז עס בלויז נאר די געדאנק פון איין איד, און אפילו דער געדאנק קומט פון א ספר איז עס נאר איין אופן פון הבנה אין די ווערטער פון די צדיקים.

און צום סיכום: די מרחק צווישן די ווערטער פון די צדיקים צו די ווערטער פון די משפיעים, איז ווי די מרחק וואס צווישן א גילוי פון ג-טליכקייט צו א מענטשליכע יצירה. ס'איז ייתכן אז ס'איז דא ווער ס'איז מרגיש נענטער צו מענטשליכע יצירות, און ס'איז אים גרינגער זיך מסתפק צו זיין מיט די דרשות און גליונות פון משפיעים, אבער ס'קומט נישט אן, צו העכערע "אור אלקי".

## נאך א מעלה איז דא

לערנענדיג דווקא אין די ספרים פון צדיקים. און דאס איז "התקשרות לצדיקים". ווי דער ירושלמי זאגט (שבת ו:) "לעולם יראה אדם כאילו בעל השמועה עומד כנגדו". און דער טעם בפשטות איז אז ווען מ'ווייסט ווער איז דער וואס רעדט דא צו מיר גייט מען צו גאר אנדערש צום ספר, און ווען עפעס איז נישט קלאר מיינט עס אז איך דארף זיך פשוט מער מוטשען צו אנרירן דעם צדיק'ס הייליגן שכל. און דערנאך איז דא דער פנימיות'דיגער טעם, אז דורכן לערנען זענען מיר זיך מקשר מיטן בעל השמועה. און התקשרות לצדיקים איז דאך א יסוד וואס ווערט איבערגע'חזר'ט הונדערטער מאל אין חסיד'ישן חדר. די צדיקים זענען דאך די שורש פון אונזערע נשמות, וואס דורך זיי איז דער אויבערשטער מאיר אין אונז זיין אור, און איינע פון הויפט דרכים מקושר צו ווערן צו די צדיקים איז דורך לערנען זייערע ספרים, אין וואס זיי האבן אריינגעלייגט זייער דעת און יראת שמים.

זוכה צו זיין צו דעם, דארף מען אוודאי מקדים זיין פארן לערנען אמונה אין קדושת הצדיק, און וויסן אז דורכן לערנען, אויסער דאס וואס מען לערנט זיך דא עפעס, זענען מיר זוכה זיך מקשר צו זיין צום צדיק און באקומען די גילוי אלוקי וואס השי"ת איז אונז משפיע דורך אים. און טאקע וואס מער מען נעמט אריין זיינע ווערטער אין מוח, וואס מער מען איז זיך מעמיק צו פארשטיין זיינע ווערטער, מקשר זיין צום אייגענעם לעבן און זיך מחבר זיין דערמיט, איז מען מער מקושר מיט זיין פנימיות, און מער מחובר צום אויבערשטן.

## נאר דא קען זיין א טענה:

לערנען ספרי קודש איז נישט אלעמאל אזוי גרינג, נישט אלעמאל זענען די מושגים אזוי פארשטענדליך, און דאס שטערט פון זיך מתחבר זיין דערצו. משא"כ די גליונות און קונטרסים זענען געשריבן אין א לייכטע שפראך און ס'ליינט זיך פליסיגער.

**און די תשובה אויף דעם איז:** יא! "א גוטע זאך קומט אן שווערער" אויף תורה איז כדאי זיך אנצושטרענגען! מ'לערנט איינמאל און נאכאמאל, און מיט חיות, ביז מען איז בעז"ה זוכה צו פארשטיין און זיך מתחבר זיין. און דאס איז דוקא א גרויסע מעלה, ווייל דווקא דורך יגיעה איז זיך דער מענטש מחבר צו תורה. ס'איז א פאקט, אז ווען א מענטש לערנט א קיצור הלכות אדער קיצור חסידות, אין א קלארע לייכטע שפראך, ווערט עס ביי אים אויפגעכאפט נאר פונאויבנאויף און אויבערפלעכליך, ס'איז גאנץ גוט אויך צו וויסן וואס מ'האט צו טוהן, אויף זיך אביסל אנצואווארעמען, און אויף נאכצוזאגן שיינע געדאנקען. אבער מ'ווערט נישט מחובר ווי איינס מיטן געדאנק, וואס דאס איז מען קונה דווקא ווען מ'מוטשעט זיך, מ'שטרענגט זיך אן, וואס דאן איז מען מגלה טיפערע כוחות הנפש, ער באקומט א ליבשאפט צום געדאנק, ער געדענקט עס מער, וואס דאס אלס מיינט אז ער איז באהאפטן דערצו.

**ווי אזוי צו לערנען, אויף צו באקומען א טעם?** ערשטנס, יבקש ממי שהחכמה שלו, מ'דארף בעטן השי"ת זאל ליכטיג מאכן די אויגן און עפענען די הארץ. רביה"ק זי"ע האט אויף דעם גע'עצה'ט, אז מען זאל לערנען מיטן סדר פונעם ספר, שטיקל נאך שטיקל. און במשך הזמן וועט מען כאפן דעם מחבר הספר'ס קלארער מהלך אין עבודת השם. און אויב נאכן ענדיגן דעם ספר האט מען נאכנישט פארשטאנען דעם מהלך, זאל מען לערנען א צווייטע און א דריטע מאל. און נאך א וויכטיגע עצה: נאכן לערנען זאל מען זיך מסכם זיין וואס מען האט געלערנט. אבער נישט ווי אזוי די תורה שטימט אין פסוק, נאר ווי אזוי די רעיון און די יסוד וואס דער צדיק וויל דיר באלייכטן, שטימט מיט דיין נפש הבהמי והשכלי.

**און יעצט א ווארט וועגן די מעלה פון לערנען אין קונטרסים און גליונות:** ס'איז פשוט אז ס'איז א גרויסע הילף, בפרט געוואויר צו ווערן און פארשטיין כל מיני מושגים פון חסיד'ישע ספרים וואס איז נישט קלאר, ודברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר. אויפן שטייגער ווי דער 'מאור ושמש' זאגט דאס שוין (כי תצא ועוד), אז חסידים קענען צומאל נישט פארשטיין און קונה זיין ביי זייערע רבי'ן, זיי דארפן לערנען ביי עלטערע חסידים, וואס זיי זאלן זיין ווי פארמיטלערס צווישן דעם צדיק און די חסידים. אבער ס'איז פשוט און פארשטענדליך אז מ'טאר נישט אויפטוישן דעם פארמיטלער מיטן ציהל. ווייל דאמאלס בלייבט מען אן גארנישט.

הצלחה וסייעתא דשמיא



יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com